# אין וואלד אויף א בוים

יוסף קליינבארד, ניו־יארק

.1

איך קען דיך נישט פאַרגעסן
ראָזשישטש ווו איך בין געבוירן
ווו איך האָב אַלץ געהאַט
און אַלץ פאַרלוירן.



.2

איך בענק נאָך די
גוטע, שטילע יידן
וועלכע האָבן זיך אָפט געקריגט
אָבער געלעבט באַשיידן און צופרידן.

.3

איך בענק נאָכן טייך ווי קריסטאָל
געצויגן זיך ווי אַ סטענגע לאַנג און שמאָל
נאָך די בריקן פון האָלץ און פון אייזן
ווו קינדער זענען געלאָפן קוקן ווי נאַטור וווּנדער זיך באַווייזן.

.4

דאָרט איז מיין יונגער שטאָלצער טריט פאַרשלונגען
איך הער אים קוים פונדערווייט קלינגען
און אין וואַלד אויף אַן אַלטן בוים
איז געבליבן הענגען מיין יוגנט טרוים.